**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 8 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו ערזעצן צוויי ברידזשעס לענגאויס אינטערסטעיט 81 אין דער שטאט קארטלענד

***נייע אריבערגאנגען איבער אלטע באן רעלסן וועט גרינגער מאכן דאס פארן אויף דעם וויכטיגן טראפיק שאסיי אין צענטראל ניו יארק און פארגרינגערן צוטריט צו נייע מיטגעטיילטע-באניץ וועג***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט "CNY רייזינג" — דער ראיאן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן געגנטער און וואקסן דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דאס פארענדיגונג פון אן 8 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועלכס האט ערזעצט צוויי בריקן לענגאויס אינטערסטעיט 81 אין דער שטאט קארטלענד, אין קארטלענד קאונטי. די צוויי סטרוקטורס וואס זענען ארגינעל געבויט געווארן אין 1966 איבערצושפאנען דער זינט-דאן לאנג-פארלאזטער ליהיי וואלי רעילראוד זענען ערזעצט געווארן דורך מאדערנע אריבערגאנגען געבויט איבער צוויי צעמענטענע קאסטן-קאלווערטס, וועלכע וועלן פארגרינגערן דאס ארומפארן און פארבעסערן זיכערהייט לענגאויס איינע פון צענטראל ניו יארק׳ס וויכטיגסטע טראפיק שאסייען. די קעסטל-קאָלווערטס וועלן אויך גרינגער מאכן די קאנסטרוקציע פון א מיטגעטיילטע-באניץ וועגל אונטער דער הייוועי וועלכס ווערט פארגעזעהן דורך דער שטאט קארטלענד צו באהעפטן דאונטאון גאסן מיט יאמאן פארק, א פאפולער פארוויילונגס איינריכטונג וואס געפונט זיך צו דער צפון-מזרח פון דאונטאון קארטלענד.

"אזעלכע פראיעקטן, צו מאדערניזירן ראיאנישע טראנספארטאציע נעצן, העלפן פארזיכערן אז מיר האבן די אינפראסטרוקטור אין וואס מיר נויטיגן זיך פארצוזעצן אונזער עקאנאמישע אומקער און צו בלייבן פארמעסטעריש אין דער צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די בריק ערזעצונגען וועלן געבן פאר קאָמיוטערס און אנדערע מאטאריסטן אין דעם קארטלענד אומגעגנט א מער גלאטיגן רייזע, און אין דער זעלבער צייט שטיצן א מער פארלעסליך און באפעסטיגטע טראנספארטאציע סיסטעם פילע צענדליגע יארן אין דער צוקונפט."

די נייע אריבערגאנגען פיגורירן ברייטערע שאָולדערס וועלכע זענען מער גלייך מיט׳ן עקזיסטירנדן הייוועי ווי די ארגינעל בריקן, און דאס וועט ערמעגליכן א גלאטיגערע טראנזיציע צווישן די שפאנען און דער שאסיי. צוליב דעם וואס עס איז מער נישט דא קיין אקטיוו רעילוועי וואס לויפט אונטער׳ן הייוועי וועלן די נייע אריבערגאנגען אויך זיין קירצער, וועלכס וועט ערמעגליכן פאר צעמענטענע קעסטל-קאָלווערטס געניצט צו ווערן אנשטאט מער טראדיציאנעלע בריק סטרוקטורן. די פיר זייטיגע קאָלווערטס, וועלכע זענען 17 פיס הויך און באלד 20 פיס ברייט זענען געבויט געווארן אויפ׳ן פלאץ מיט 56,000 קוּבּישע יאַרדס פון אנפיל מאטעריאל וועלכע האבן פארדעקט די סטרוקטורן און אויפגעבויט די ערדמויערן. צו פארגרינגערן דער שטאט קארטלענד׳ס פלענער צו פארבעסערן צוטריט צו דער יאמאן פארק מט א נייע מיטגעטיילטע-באניץ וועגל, זענען די קעסטל-קאָלווערטס אויסגעשטעלט צו אקאמאדירן סיי פארוויילונגס אקטיוויטעטן און עמערדזשענסי אויטאס.

קאנסטרוקציע אויף דער פראיעקט האט זיך אנגעהויבן אין מאי 2020 און אינטערסטעיט טראפיק איז אויסגעהאלטן געווארן ניצנדיג א צייטווייליגע אריבערגאנג אויסגלייך.

**דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "דער פראיעקט דעמאנסטרירט ניו יארק סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צוריק צו בויען אויף בעסערס דורך שאפן א 21׳סטע יארהונדערטיגער טראנספארטאציע נעץ וואס פארבעסערט ארומפארן, פארשטערקערט אונזערע קאמיוניטיס און סטימולירט עקאנאמישע וואוקס. די דאזיגע נייע הייוועי איבערגאנגען און קאַלווערטס פארבעסערן די פעסטקייט פון איינע פון דער ראיאָן׳ס מערסט גענוצטע שאסייען ווי אויך העלפן פארזיכערן דעם אנגייענדן פליס פון מענטשן, סחורה, און צוטריט צו פארווײלונגס ערטער דורך דער וויכטיגער קארידאר פאר פילע יארן אין דער צוקונפט."

**סענאטאר פיטער אבערהאקער האט געזאגט,** "א שטארקע אינפראסטרוקטור איז העכסט-נייטיג פאר פובליק זיכערהייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג. די בריק ערזעצונגען טרעפן צו הויפט געברויכן וואס וועט פארזיכערן אז I-81 וועט ווייטער פארזעצן צו טרעפן צו די פארלאנגען פון די וואס וואוינען און ארבעטן אין קארטלענד און ווייטער ארום. בויען די שפאנען מיט אן אויג צו צוקונפטיגע פארווײלונג געברויכן אין דער שטאט קארטלענד דערגאנצעט דעם פראיעקט."

**אסעמבלי-מיטגליד אנא קעלעס האט געזאגט,** "עס פריידט מיר צו זעהן דער פארענדיגונג פון די בריק אפגרעידס צו א העכסט-נויטיגע שאסיי אין קארטלענד. פארזיכערן די זיכערהייט און פארבעסערטע גרינג-ארומפארן פאר איינוואוינער און באזוכער איז א וויכטיגער אינוועסטירונג צו מאכן אין דער קאמיוניטי. איך קוק ארויס אויף פארצוזעצן די ארבעט מיט דער קאמיוניטי אויף צו העכערן צוטריט צווישן דער שטאט קארטלענד און יאמאן פארק פאר פוסגייער און ביציקליסטן."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן לעמאנדעס האט געזאגט,** "עס פריידט מיר צו זעהן אז די אינוועסטירונג אין אונזערע רורעל קאמיוניטיס זעצט פאר ווייטער מיט 8 מיליאן דאלער פאר אונזערע בריקן. קארטלענד קאונטי זעהט אסאך טראפיק פון ארטיגע איינוואוינער, און דאס וועט סערווירן דעם געגנט פילע יארן אין דער צוקונפט."

פאלגט נאך דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן אויף טוויטער ביי @NYSDOT און @NYSDOTSyracuse. באזוכט אונז אויף פעיסבוק ביי [facebook.com/NYSDOT](facebook.com/NYSDOT).

**פארשנעלערן "CNY רייזינג"**

דער דעוועלאפמענט דערגאנצעט "CNY רייזינג", דער ראיאָן׳ס אויספירליכע בלופרינט אויף צו שאפן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראאיניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפּרענוירשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. דער ראיאן טוט איצט פארשנעלערן "CNY רייזינג" מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך דער אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וועט אינצענטיווירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאָן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 5,900 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען [דא.](דא.)

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](זיך ארויסשרייבן)